# קרית ברסלב בלעטל

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

פרשת צו, י' ניסן תש"פ לפ"ק
שנה א' גליון כ"ו

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות.......................................7:08
מוצאי שבת קודש..............................8:40

## א מעשה פון תפלה

### יעקב משה אינדארסקי

פארגאנגענעם ערב שבת קודש האב איך זייער שטארק געוואלט גיין אין מקוה, אבער אזוי ווי יעצט איז דאך אלע מקוואות אפגעשפארט, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן זייער שטארק איך זאל קענען גיין אין מקוה לכבוד שבת [פארשטייט זיך לויט ווי די געזעצט פארלאנגט] און שכח אייבערשטער אז איך האב געטראפן א פיינע ליידיגע מקוה, ווי איך האב געקענט זיך טובל'ן לכבוד שבת קודש. שכח אייבערשטער!

### די גאנצע שטעטל

אין די גאנצע וועלט געפונען זיך יעצט מענטשן וואס פילן זיך נישט גוט, און מען דארף זיצן אינדערהיים זיך אפרוען, און ליידער הערט מען אויך ביי אסאך אידן וואס האבן דאס און זייווארטן אויף א ישועה פונעם אייבערשטן מען זאל ווערן אינגאנצען אויסגעהיילט און קומען צוריק צו די כוחות אזוי ווי פארדעם. דא אין שטעטל איז אויך געווען אפאר אינגעלייט וואס האבן נישט גוט געפילט, און דארפן זיך אפרוען אין בעט ביז עס גייט דורך די שוואכקייט, אלע משפחות אין שטעטל האבן געבעטן דעם אייבערשטן אז דעי וואס פילן זיך נישט גוט זאלן שוין פילן גוט, און זיי זאלן האבן א גאנצע רפואה גרינג און שנעל, אויך האבן די קינדער געבעטן דעם אייבערשטן פאר זיי, און שכח אייבערשטער אז רוב אינגעלייט פילן זיך שוין אינגאנצן גוט ברוך השם, און די אנדערע טייל אינגעלייט האבן זיך שוין כמעט אינגאנצן ערהוילט פון דעם. שכח אייבערשטער!

**מודעה**

מיר ווילן וואונטשן אלע חשובע איינוואוינער א פרייליכ'ן לעכטיג'ן געזונטע יום טוב פסח, מיר זאלן שוין זוכה זיין צו די גאולה בפרטיות און די גאולה בכלליות - מען זאל זיך טרעפן אין ירושלים ביים מקריב זיין דעם קרבן פסח אין בית המקדש השלישי.

## נייעס אין שטעטל

### קמחא דפסחא פאר יום טוב פסח

מיט גרויס פרייד גרייט מען זיך צום ערשטן יום טוב פסח אינעם שטעטל, אזוי ווי אין אלע אנדערע פלעצער ארום די וועלט ווי עס איז דא אידן - פירט מען זיך ארויסצוהעלפן די משפחות מיט אלע באדערפענישן פאר'ן יום טוב, מצות - פיש - פלייש און אזוי אנדערע געברויכן וואס מען דארף, דער ראש ישיבה שליט"א האט געבעטן אפאר אינגעלייט זיי זאלן זיין ממונה עס זאל זיין שפע אויף גאנץ יום טוב מיט א ברייט האנט מכל טוב וטוב, איין טאג האט מען זיך איינשרייבן ביי האברך החשוב יואל מעדלאוויטש נ"י דעי אלע וואס דארפן מצות פאר יום טוב, אן אנדערע טאג האט מען זיך איינגעשריבן ביי האברך החשוב שלמה יאקאבאוויטש נ"י צו באקומען פיש - פליש - ווייַן - אייער און אזוי ווייטער, אויך האט מען ערלעדיגט ביי א געוויסע גראסערי וואס זיי געבן 15% הנחה פאר די גאנצע ארדער אויף פסח, אזוי אויך ווערט פארטיילט פאר די טעג פון פאר פסח א גרויס שפע פון עסן כדי מען זאל קענען רואיג אריינברענגן דעם הייליגן יום טוב פסח ווי עס באדארף צו זיין.

מיר ווילן זיך טאקע דא באדאנקן פאר האברך החשוב שלמה יאקאבאוויטש נ"י פאר'ן העלפן מיט צושטעלן עסן א גאנץ יאר, ובפרט יעצט פאר יום טוב פסח, ובפרט ווילן מיר זיך באדאנקן פאר דעם ראש ישיבה שליט"א וואס נישט נאר ער זארגט פאר אונז א גאנץ יאר מיר זאלן האבן התחזקות צו אנגיין אין עבודת השם, נאר ער זארגט אויך פאר אונז מיר זאלן האבן א שפע בגשמיות א גאנץ יאר, ובפרט יעצט פאר דעם יום טוב פסח.

**קרב יום אשר הוא לא יום ולא לילה.**

## ברוכים הבאים בשם השם

מיט גרויס פרייד טוהן מיר אויפנעמן א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן ביי אונז אין שטעטל

### ר' מנחם שטיינבערג נ"י וזוגתו תחי'

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין דא אין דעם הייליג'ן שטעטל, און זיי זאלן קענען דא אויפציען די קינדער אויף דעם רבינ'ס וועג און זעהן פון זיי אסאך אידיש נחת.

# שיעור פרשת ויקרא פון דעם ראש ישיבה שליט"א

**פארגאנגענע וואך מיטוואך האט מען געהאט די זכיה צו הערן א שיעור פון דעם ראש ישיבה שליט"א ספעציעל פאר דעם שטעטל, מיר וועלן פרובירן צו אראפברענגען געוויסע שטריכן פון דעם הערליכן און וויכטיגן שיעור:**

מען שטייט שוין יעצט אין חודש ניסן א חודש פון גאולה א חודש פון נסים, און אויך איז עס א חודש פון תשובה - אזוי ווי דער הייליגע רבי זאגט אין ליקוטי מוהר"ן חלק א סימן ט'.

א איד איז געקומען ערב פסח צום הייליג'ן רבי נתן ז"ע אז ער האט נישט גארנישט אויף פסח, האט אים רבי נתן געזאגט זייער א שיינע ווארט וואס פון דעם ווארט האט מען חיות נאך ביז יעצט "**אויף פסח וועט זיין, אבער ווי נעמט מען דעם פסח אליין**" ווי נעמט מען די קדושה פון פסח.

די טאכטער פון רבי נתן האט זיך אפגערעדט ערב פסח אז עס איז גארנישט דא אויף פסח, האט רבי נתן געפרעגט עס איז טאקע גארנישט דא? וואסער איז דא ברוך השם, ממש פאר פסח איז געקומען א תלמוד פון רבי נתן און געזעהן אז רבי נתן האט נישט קיין עסן אויף פסח האט ער געברענגט מכל טוב וטוב.

פסח איז צאמגעשטעלט פון צוויי ווערטער **פה-סח** די מויל הייבט אן שמועסן מיט'ן אייבערשטן, מאכט זיך אמאל א קינד ער ווערט עלטער און עלטער אבער ער רעדט נאך נישט, אדער א קינד רעדט שוין און פלוצלינג הייבט ער אן קעקיצן, און ווען דאס קינד הייבט אן רעדן הערשט אזא שמחה וואס מען קען גארנישט מסביר זיין, על אחת כמה וכמה ביים אייבערשטן, די קינד רעדט נישט צו אים, אבער ווען ער הייבט אן רעדן צום אייבערשטן הערשט אזא שמחה ביים אייבערשטן.

מען זעהט עס איז דא קינדער וואס רעדן נישט צו עלטערן, עס קומט ארויף א איד צו מיר וואס איז שוין צוטיילט אסאך יארן, און ער קומט צו מיר צו איך קען עפעס זעהן אז זיינע קינדער זאלן וועלן רעדן צו אים, אזוי אויך קומט ארויף א פרוי צו מיר וואס האט איין טאכטער און די טאכטער וויל נישט רעדן צו איר, עס איז דאך אזא צער ווען קינדער רעדן נישט צו די עלטערן.

דאס איז טאקע אויך וויכטיג צו וויסן אז מען מוז רעדן צו די עלטערן, און אז מען קען נישט זיין אינדערהיים גייט מען וואוינען ערגעץ אנדערש, אבער מען מוז פון דארט אהיים רופן די עלטערן זיך אינטערסירן וואס זיי מאכן, און אז זיי הייבן נישט אויף לאזט מען א שיינע מעסעדזש און שפעטער וועלן עס דיינע עלטערן אויסהערן איינמאל און נאכאמאל, בפרט  ווען מען מאכט א שמחה מוז מען רופן די עלטערן צו די שמחה, עס וועט גארנישט געשעהן אז דיינע עלטערן וועלן קומען צו די שמחה.

דאס איז אויך זייער וויכטיג צו וויסן ווען איינער שרייט דיר אן דארף מען עס נישט אריינעמען אין זיך און ווערן געערגעט אויף יענעם, ער שרייט אויפן טעלעפאון לייג די טעלעפאון אביסל ווייט פון די אויער, איינער שרייבט א בריוו מיט שטעך ווערטער מעקט מען עס גלייך אויס און מען נעמט עס נישט אריין אין זיך.

מען דארף זעהן צו רעדן שיין צו מענטשן, בפרט ווען דו האסט א קאסטעמער וואס איז דיר געבליבן שולדיג געלט, שריי אים נישט אן - נאר רעדט שיין צו אים וועט ער דיר צום סוף אלעס באצאלן.

די זעלבע זאך אין שטוב מיט א ווייב, קומסט אהיים און עס איז אנגעשטרענגט אינדערהיים, זעה צו רעדן שיין צו די ווייב און זאג שטענדיג א גוט ווארט, די הייליגער רייי"ץ פון ליבאוויטש ז"ע האט געזאגט "פאר א קיש באקומט מען נישט קיין פאטש". ווען א ווייב באקומט א גוט ווארט יעצט אין די ערב פסח טעג איז איר בכלל נישט שווער צו מאכן פסח'דיג, אין מצרים איז געווען שווער צו בויען פתאום ורמסס ווייל גלייך נאכ'ן בויען האט מען עס געהייסן צונעמן, מען האט נישט ארויסגעוויזן אנערקענונג.

די הייליגער רבי זאגט אין ליקוטי מוהר"ן חלק א' סימן קצ"ט דבש גימיטריא אשה, די ווייב איז האניג-זיס, און אז מען רעדט שוין פון האניג דארף מען וויסן יעצט ווען מענטשן פילן נישט גוט מאכט מען זיך א פיינע טיי מיט האניג דאס היילט אויס דעם מענטש.

איינמאל ווען איך האב נישט גוט געפילט און איך האב אסאך געהיסט האט מיר מוהרא"ש געזאגט, "טיי מיט תהלים איז זייער גוט פאר א רפואה".

יעצט קען מען זעהן ווער עס לעבט מיט אמונה א גאנץ יאר ווערט נישט פארלוירן אין די יעצטיגע צייטן ווען עס הערשט אזא פחד אין די וועלט פון די "קאראנע ווייררויס", דאס דארף מען חזר'ן מיט קינדער א גאנץ יאר.

דאס איז זיכער אז עס וועט ארויסקומען נאר גוטס פון דעם מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף, נאר זיך נישט פארלירן.

האט איר א נייע קלייד
און מען דארף עס נאך צופיקסן?
רופט אונז אן אויף
845-662-4083

ווילט איר קויפן געוויסע זאכן אנליין
אויף א כשר'ע אופן דא אין שטעטל?
רופט אונז אן אויף
347-738-1041